ב"ה

# צעירי השלוחים

"פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט"



A project of The Shluchim Office

## כ"ו שבט תשס"ו

## פרשת משפטים

טייערע קינדער שלוחים,
ברוכים הבאים צו אלע פרויען און מיידלאך וואס זיינען צוריק אהיים געקומען פון דעם כינוס. איך בין זיכער אז איר האט אלע זייער הנאה געהאט פון דעם כינוס.
מיידלאך, מיר האבן זייער הנאה געהאט פון אייך ביים באנקעט! איר האט אזוי שיין געזונגען, און האט אונז באוויזן אז דער רבי נעמט טאקע די קינדער פון די שלוחים אויף זיינע פלייצעס!
קינדער, דער ערשטער כינוס איז פארגעקומען דעם טאג נאך שבת מברכים חודש אדר. ביי יענעם כינוס האט דער רבי גערעדט וועגן דעם ענין פון שמחה. דער רבי האט דעמאלט גערעט אז מען קען ניט ווארטן ביז דער אויבערשטער גיט אונז גוטע זאכן, צו זיין בשמחה; נאר מיר מוזן אפילו אין די שווערע צייטן זיין בשמחה, און גלויבן אז דער אויבערשטער טוט נאר גוטס. און דורך דעם, גיט אונז טאקע דער אויבערשטער אלע גוטע זאכן.
לאמיר טאקע זיין בשמחה אין דעם פרייליכען חודש און דער אויבערשטער וועט אונז שיקן אלע גוטע זאכן, און בעיקר די גוטס פון משיח נאו!!
א. וועכטער



## שבת מברכים ראש חודש

### שבת מברכים אדר

- איך האב געזאגט תהלים שבת אינדערפרי.
- איך בין געגאנגען אין שול און איך האב געבענטשט דעם נייען חודש.
- איך בין געווען ספעציעל צופרידן ווייל מיר גייען אריין אין חודש אדר.

### ראש חודש אדר דינסטאג- ל' שבט מיטוואך- א' אדר

- איך האב געזאגט יעלה ויבא אין שמונה עשרה און אין בענטשן
- איך האב געזאגט הלל נאך שמונה עשרה
- איך האב געדאוונט מוסף
- איך האב געזאגט ברכי נפשי נאך שיר של יום
- (פאר מיידלאך) איך האב ניט געניי׳ט אדער געוואשן קליידער

לעילוי נשמת
אאמו"ר הרה"ח התמים ר' דובער בן הרה"ח ר' נפתלי
שו"ב ע"ה יוניק
זכה לשמש בקודש קרוב ליובל שנים
נפטר ביום הרביעי, ט' אייר תשס"ה
נדבת בנו ר' דוד שי' יוניק ומשפחתו



## לעבן מיט דער צייט

### פרשת משפטים

תשים לפניהם -כשולחן הערוך

דער ערשטער פסוק פון דער פרשה משפטים איז:"**ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם**".

דער אפטייטש און אינהאלט פון דעם פסוק, לערנט רש"י מיט יעדן אידיש קינד אין אלע דורות:

די "משפטים", די אלע געזעצן ("רולינגס") און זעלבסטפארשטענדלעך די אנווייזונגען פארבונדען מיט "סאלדזשערס" פון "צבאות השם", דארפן זיין אין אן אופן פון "**תשים לפניהם - כשולחן הערוך ומוכן לאכול לפני האדם**": די "משפטים" דארפן זיין צוגעגרייט פאר די "סאלדזשערס" אז זיי זאלן קענען דאס גלייך נוצן; זיי דארפן זיין פאר די "סאלדזשערס" אזוי קלאר, און אויך אזוי קלאר פאר די אלע וואס געפינען זיך ארום זיי, פונקט ווי מ'זעט דעם עסן (דעם "מיעל") וואס מ'דארף אים האבן בכדי מען זאל האבן א געזונטן גוף, איז ער צוגעגרייט אויפן טיש, און ער איז גרייט צום עסן, מ'דארף מער ניט ווי עסן בפועל.

און פונקט ווי דער עסן בגשמיות שטארקט דעם געזונט פון דעם גוף - אזוי איז דער "עסן" ברוחניות, דער "תורה-עסן", שטארקט דעם געזונט פון דער נשמה פון יעדער אידן,

און במיוחד די נשמה פון א א איד וואס האט א ספעציעלע שליחות פון דעם אויבערשטן - צו פירן מלחמה אין דעם אויבערשטנ'ס מלחמה אנטקעגן דעם יצר.

די הוראה פון דעם איז:

בשעת א "סאלדזשער", אן איש צבא, באקומט אן אנווייזונג פון דעם אויבערשטן אויף מלחמה האבן מיטן יצר, דורך דעריוף וואס ער איז א איד און פירט זיך אויף ווי א איד - דארף זיין אויפפירונג זיין **קלאר**, אז מ'זאל גלייך דערקענען אז דאס איז א אידיש קינד;

אז מ'פרעגט אים - וואס איז ער? אדער א מיידעלע - וואס איז זי? ענטפערן זיי גלייך, אז זיי זיינען אידישע קינדער און זיי געהערן צום צבא השם!

און אז מ'פרעגט בא יעדערן פון זיי - ווי אזוי זעט מען דאס קלאר אז איר געהערט צום צבא השם?

נעמט א אינגעלע גלייך ארויס די ציצית און באווייזט זיי, וואס דאס איז א **קלארער** באווייז און אן עדות, אז ער געהערט צום צבא השם.

אזוי אויך א אידישע מיידעלע האט א ספעציעלן וועג צו באווייזן אין א קלארן אופן אז זי איז א אידישע מיידעלע - דורך דעם וואס זי (באווייזט אז זי) טראגט צניעות'דיקע קליידער, ווי עס איז פאסיק פאר א אידישער מיידעלע.

(המשך אין עמוד 2)

מזל טוב צו חיענא און חי' מושקא זירקינד אויף זייער בת מצוה!

# דעם חסידישן לוח



## אדר איז א פריייליכער חודש

באמת דארפן מיר זיין צופרידן א גאנץ יאר. שמחה העלפט אונז אויפטאן וואס מיר דארפן טאן. ווען מיר זיינען צופרידן האבן מיר מער כוחות צו טאן אלע גוטע זאכן. דאס איז וויכטיק אלעמאל, אבער אין אדר דארפן מיר זיין ספעציעל צופרידן. אונזערע חכמים זאגן אונז אז "משנכנס אדר מרבים בשמחה" ווען אדר קומט גיט מען צו אין שמחה. פארוואס איז אדר אזא פרייליכע צייט? המן האט געוואלט הרג'נען אלע אידן, און האט געזוכט א גוטע צייט פאר דעם. ער האט באשלאסן טאן דאס אין חודש אדר ווייל משה רבינו איז נסתלק געווארן אין חודש אדר. דער אויבערשטער האט אים באוויזן אז פונקט פארקערט, דוקא אין דעם חודש וועט זיין די גרעסטע ישועה פאר אידן. המן האט געוואלט אז אדר זאל זיין א טרויעריקע צייט, ער האט געוואלט אז שלעכטע זאכן זאלן געשען צו די אידן אין חודש אדר, אנשטאט דעם האט דער אויבערשטער זיי געשיצט און האט געראטעוועט אלע אידן, און דער חודש איז געווארן דער חודש פון שמחה.

אין צייט פון אדר העלפט דער אויבערשטער אין אלע זאכן. אויב א איד דארף למשל גיין צו א גוי'שען בית דין [=קארט], זאל ער דאס אפשטופען אויף חודש אדר, און ער וועט זען הצלחה.

חודש אדר באווייזט אונז אז אפילו ווען עס זעט אוים שווער, איז דער אויבערשטער מיט אונז... מיט אזא צופרידענעם געדאנק קענען מיר דורכגיין יעדע שוועריקייט, און זיין צופרידן א גאנץ יאהר!

## די גרויסע שמחה פון פורים

יום טוב איז אין אלגעמיין א פריייליכער און מזל'דיקער טאג פאר אידן. בפרט פורים וואס דעמאלט איז די שמחה גאר א גרויסע, נאך גרעסער ווי די שמחה פון אלע אנדערע ימים טובים, גרעסער אפילו פון דער שמחה פון חג הסוכות (וואס ווערט אנגערופען "זמן שמחתנו"), ווי די חז"ל זאגן אז "חייב אינש לבסומי בפוריא עד דלא ידע" - די שמחה פון פורים האט ניט קיין גרעניץ.

וואס דערפאר איז אויך דער מנהג ביי אידן, אז מען מאכט פורים פארשידענע פארשטעלונגען - מען פארשטעלט זיך און מען טוט אן "מאסקעס" און דאס גלייכן - ווייל די שמחה פון פורים האט ניט קיין גרעניץ, ובמילא איז זי "פורץ גדרים" : זי "ברעכט" די באגרענעצונגען און געוויינטלעכע איינגעשטעלטע סדרים.

דערפון איז פארשטאנדיק, אז אויך די צוגרייטונג צו פורים דארף זיין דורכגענומען מיט שמחה, און וואס מער מען איז מוסיף אין דער לעבעדיקייט און שמחה אין דער צוגרייטונג צו פורים, אלץ מער איז די ליכטיקייט און שמחה פון די ימי הפורים וואס קומען דערנאך.

און פונקט ווי מען דארף האבן שמחה ביי זיך אליין, אזוי דארף מען משפיע זיין ליכטיקייט און שמחה אויף אלע קינדער ארום זיך, און זיי דערציילן אז "ליהודים היתה אורה ושמחה" - "אורה זו תורה" און "שמחה זה יום טוב" - און אזוי אויך בזמן הזה, "כן תהי' לנו" - אז ביי יעדער אידן איז פאראן אורה און שמחה,

און פון דער שמחה איז מען זוכה בקרוב צו פרייען זיך מיט משיח צדקנו, אין דער שמחה פון דער גאולה האמיתית והשלימה דורך משיח צדקנו, במהרה בימינו ממש.

(פון "דער רבי רעדט צו קינדער"– י"ב אדר– תשמ"ב, תשמ"ה, י' אדר שני תשד"מ)

# משיח נאו!



קינדער, עס שטייט אז "שמחה פורץ גדר", שמחה צוברעכט אלע גרעניצן. דער ווארט "פורץ", האט דעם זעלבען שורש ווי דער נאמען "פרץ". דער נאמען "פרץ" איז אונז באקאנט פון חומש. ער איז געווען דער עלטער–עלטער זיידע פון דוד המלך, און אזוי ארום אויך דער עלטער–עלטער זיידע (נאך אסאך דורות) פון משיח'ן! זעהען מיר פון דעם, אז דוקא דורך זיין בשמחה וואס דאס איז "פורץ" אלע גרעניצן, ברענגן מיר די התגלות פון משיח, וואס ער קומט פון "פרץ"!

*(המשך פון לעבן מיט דער צייט)*

און אין צוגאב צו דעם, באווייזן אידישע אינגעלעך און מיידעלעך קלאר אז זיי זיינען אידן - דורך דעם וואס זיי זאגן **אויסווייניק** ( זיי דארפן דאס ניט זוכן אין ספר) "שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד", און זיי זאגן דאס מיט א לעבעדיקייט, מ'זעט אז זיי לעבן דערמיט.

נאך א טייטש אין "**תשים לפניהם**" איז - "תשים " פון ווארט "סימה", וואס מיינט אן אוצר.

און די אנווייזונג דערפון איז:

יעדער איד, אריינגערעכנט אידישע קינדער, דארף באטראכטן אז תורה און מצוות זיינען א טייערער און באליבטער אוצר וואס איז אים געגעבן געווארן פון דעם אויבערשטן אליין, ובמילא לערנט ער תורה און איז מקיים מצוות מיט גרויס שמחה.

און דעמאלט האט מען הצלחה אין לימוד התורה און קיום המצוות, און מ'ברענגט נחת צו די עלטערן און מחנכים און צום גאנצן אידישן פאלק.

( פון "דער רבי רעדט צו קינדער" - שיחת כ' שבט תשמ"א, כ"א שבט תשמ"ב)

# דערציייל מיר א מעשה



*קינדער, עס איז זייער גרינג צו זיין בשמחה ביי א חתונה. מען הערט מוזיק, אלע טאנצן ארום, און דאס געפיל איז זייער א צופרידענ'ס. דער אמת'ער נסיון איז צו זען אויב מען קען זיין בשמחה ווען זאכן זיינען ניט אזוי ליכטיק און צופרידן.*

*אין דער מעשה וועלן מיר זען ווי צוויי אידן האבן דאס געטאן. זיי זיינען געווען צופרידן אין גאר א שווערען מצב, און דער אויבערשטער האט זיי ארויסגעהאלפן צוליב זייער שמחה!*

אמאל זיינען ר' זושא פון אניפאלי און ר' אלימלך פון ליזענסק אריינגעזעצט געווארען אין תפיסה. די תפיסה איז געווען א צימער וואו אלע ארעסטירטע זיינען געזעצן צוזאמען. דאס צימער איז ניט געווען אזוי גרויס און עס איז געווען אנגעפאקט מיט מענטשן וואס זיינען דארטן געווען. אין מיטן פון דעם צימער איז געווען א גרויסער שמוץ קעסטל.

ווען עס איז געקומען די צייט פאר די ברידער צו דאווענען, האבן זיי באמערקט אז זיי קענען ניט דאווענען מיט אן אפענעם שמוץ קעסטל אין צימער.

"אוי וויי!" האט איינער פון די ברידער געזאגט. "מיר קענען ניט דאווענען דא. אונזער מצב איז אזוי שווער, ניט נאר זיינען מיר אין תפיסה, נאר מיר קענען אויך ניט דאווענען..."

האט זיין ברודער אים געענטפערט, "וואס ווערסטו אזוי טרויעריג? דער זעלבער אויבערשטער וואס האט אונז געהייסן דאווענען יעדן טאג, הייסט אונז אז אין אזא מצב זאל מען ניט דאווענען. מיר מוזן יעצט זיין צופרידן אז מיר קענען טאן וואס דער אויבערשטער וויל - ניט דאווענען אין אזא מצב."

דער צווייטער ברודער האט מסכים געווען, און זיי האבן אנגעהויבן טאנצען (!) פון גרויס פרייד אז זיי קענען טאן וואס דער אויבערשטער האט געהייסן.

ווען דער אפיצער פון דער תפיסה איז דורכגעגאנגען דעם צימער האט ער געהערט ווי די צוויי ברידער טאנצן. איר קענט זיך פארשטעלען אז ער איז ניט געווען צופרידן צו זען מענטשן וואס פרייען זיך אין תפיסה! ער איז גלייך אריינגעקומען און האט געשריען: "פארוואס טאנצט איר?"

די ברידער זיינען געווען אזוי פארנומען, אז זיי האבן ניט געהערט דעם אפיצער. אן אנדער מענטש האט אויסגערופען, " איך בין ניט זיכער פארוואס זיי טאנצן, אבער איך מיין אז עס האט עפעס צו טאן מיט דעם שמוץ קעסטל וועלכער שטייט אין מיטן פון צימער..."

"אויב אזוי", האט דער אפיצער געשריען, " וועל איך דאס ארויסנעמן פון צימער!"

דער אפיצער האט גלייך ארויסגענומען דעם מיסט קאסטן פון צימער, און די ברידער האבן זיך באמת געפרייט. יעצט האבן זיי געקענט דאווענען!

# TEST YOUR KNOWLEDGE

# פרשת משפטים

פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים׳ס אופיס פאר מיטוואך,
און דו קענסט געווינען א פרייז! (718-221-0985)

## שרייב אריין דעם פסוק לעבן דעם בילד וואס פאסט צו אים

| | | | |
|---|---|---|---|
| ” ______<br>“ ______<br>דאס לערנט אונז אז מען מעג ניט מישן ____ און ________ |  | ” ______<br>“ ______ |  |
| ” ______<br>“ ______ |  | ” ______<br>“ ______ | <br>תפילה |
| ” ______<br>“ ______ |  | ” ______<br>“ ______<br>שמיטה איז יעדער __טע יאר |  |
| ” ______<br>“ ______ | <br>ערי מקלט | ” ______<br>“ ______<br>מען זאל קיינמאל ניט זאגן________ |  |

1. אנה לידו ושמתי לך
2. מדבר שקר תרחק
3. לא תבשל גדי בחלב אמו
4. ועבדתם את ה׳ אלקיכם
5. והגישו אל הדלת או אל המזוזה
6. ...ועבדו לעולם
7. ובשביעית תשמטנה
8. ושחד לא תקח

הצלחה רבה

נאמען: ________________ ווי אלט: _____

אדרעס: ________________________________

________________________________

אימייל: ________________